חשון תשע"ז • באנד 6 • נומער 60 • י"ל ע"י "מפעל מעיינות החסידות דחסידי סקווירא" – בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

Price: $7.00

בית יעקב לכו ונלכה באור ה'

# אורחות



נייע קאלום: פראגע צייכן

פריש אנטדעקט געווארן!
נייע צווייגן אין דעם גרויסן יחוס בוים

א קאפיטל היסטאריע בנוגע פרישע סטראבעריס

ערשיינט אצינד בפרסום ראשון

הייליגע ארטיקלען פון דער

# רוזשינער קעניגרייך



**א לעבעדיגן באזוך ביי הרבני הנגיד ר' אברהם האלפערין שליט"א,** צו זען און הערן איבער די חפצי קודש וועלכע שטאמען פון הייליגן ריזשינער זי"ע.

צוזיפגעפלאכטן מיט ניצוצי קודש און אמרות טהורות

**מפי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** בעת דעם היסטארישן און התרגשות'דיגן וויזיט, אין שטוב פון רבי אברהם שנת תש"ע לפ"ק.

קנאת סופרים (א) | שמחת תורה אגאנץ יאר! | אפילו נישט קיין נסיון | וכחלום יעוף! | מה רבו: קוועלער



# אור חוזר

## מכתבים למערכת

## עטליכע הוספות צום רייכן ארטיקל פון ר' שלמה הילל ע"ה

**צו דער חשוב'ער רעדאקציע פון די "אורות":**

ארויסגייענדיג פון "ראקלענד קאָשער" אדער "הצלחה גראסערי" דא אין מאנסי, כאפ איך אפט א בליק אויף די צענדליגער אידישע פובליקאציעס וועלכע שטייען גרייט צום פארקויפן. נאר זעלטן כאפט עפעס מיין אויפמערקזאמקייט. אבער איך ווייס ביי זיך אז כאטש איין מאל א חודש וועל איך ארויסגיין מיט א געשמאקן, אינהאלטסרייכן ליין מאטעריאל אין דער האנט, מיט א זאכליכן תוכן און א אידישן טעם. א חודש גייט פארביי און די "אורות" שטייט שוין ווידער צווישן די מאגאזינען צום פארקויפן...

איך בין ממילא צופרידן געווען ווען אייער שרייבער האט מיך געבעטן צו געבן אן אינטערוויו איבער דעם לעבן פון ר' שלמה הילל ע"ה, און אויפמישן די זכרונות וויאזוי מיר האבן זיך געטראפן צום ערשטן מאל אינעם אלטן בית המדרש פון שיכון סקווירא אביסל מער ווי פופציג יאר צוריק. צו רעדן וועגן די זכרונות פון יענע יארן איז מיר שטארק צום הארצן, און ס'איז מיר א חשיבות אז די "אורות" האט געזען אין דעם א פאסיגע טעמע פאר די ליינער.

ליינענדיג דעם ארטיקל נאכ'ן אפדרוקן, האב איך הנאה געהאט פון דער רייכער ארבעט וואס דער שרייבער האט אריינגעלייגט אין דעם. איך האב נאר געוואלט אויסקלארן געוויסע פרטים איבער מיינע ערשטע יארן אין סקווירא, און איך האב געוואלט אויך צולייגן עטליכע געדאנקען.

ובכן, מיינע עלטער זיידעס און באבעס פון אלע זייטן אין דער משפחה זענען טאקע געקומען קיין אמעריקע נאך "פאר דער מלחמה", ווי דערמאנט אינעם ארטיקל. אבער ס'איז מיר וויכטיג צו באטאָנען אז די מלחמה וועגן וועלכער מיר רעדן איז געווען "די ערשטע וועלט מלחמה". זיי זענען אנגעקומען אהער בערך דרייסיג יאר פאר דער באקאנטער שיסעריי אין סאראיעווא אינעם יאר 1914.

דער ארטיקל האט מיט רעכט דערמאנט הרה"ג רבי אברהם חיים שפיטצער זצ"ל, אלס איינער וואס איז געווען אינגאנצן איבערגעגעבן צו אלע מיינע געברויכן, גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע צוגלייך. פון לערנען פריוואט מיט מיר און מיך פארהערן די נויטיגע לימודים אין יענע בראשית יארן, ביז צום העלפן שאפן די געלטער וואס איך האב געדארפט האבן כדי צו קענען לערנען אין ברויער'ס ישיבה. ער איז אויך געווען דער וואס האט מיך צוגע'שדכנ'ט צום קעמפ "קול רינה" און מיך איינגעשריבן דארט אויף די זומערס פון תשכ"ה און תשכ"ו (ער פלעגט מיך אפט באזוכן אין קעמפ און מיר געשריבן בריוון). ס'איז נישט געווען קיין איין פרט פון מיין אריינוואקסן אינעם עולם התורה והמצוות וואס ער האט נישט געהאט קיין חלק אין דעם. צופעליג איז מיר אויסגעקומען צו הערן מיט פיל יארן שפעטער אז ער האט ארגאנזשירט אסאך סקווירער בחורים פון יענע יארן, אז זיי זאלן גיין שאפן געלט פארן שכר לימוד אין מיינע ערשטע ישיבה יארן.

צום באדויערן איז אבער ארויסגעפאלן פונעם ארטיקל א מענטש וואס האט געעפנט פאר מיר זיין היים און זיין הארץ מער ווי סיי ווער. דאס איז געווען הרה"ח ר' משה אייזנבאך ע"ה. אט דער אויסערגעווענליכער תלמיד חכם, בעל עבודה, דער תמימות'דיגער מאמין אינעם באשעפער און אין די צדיקים וואס דינען דעם באשעפער, מיט אן אמונה פשוטה און זעלטענע ענוה, ליגט מיר איינגעקריצט טיף אין זכרון און זיין אנדענק דערווארעמט מיין נשמה ביז צום היינטיגן טאג. פונעם טאג וואס ער איז אוועק פון דער וועלט אינעם יאר תשל"א, ווען איך דערמאן זיך נאר דאס בילד פון זיין דאווענען מיט התלהבות און זיינע שבת סעודות דינט עס פאר מיר אלס א מוסטער צו וואס איך דארף שטרעבן. ער האט זיך באצויגן צו מיר ווי צו אן אייגן קינד מיט ליבשאפט און זארג, בשעת ער האט שטענדיג געברענט מיט דעם פייער פון זיין עבודת הקודש.

ביי דעם אלעם האט זיין אשת חיל, תבלחט"א די ב"ב פון ר' משה ע"ה, געשפילט א גרויסע ראלע. פאקטיש ווייס איך נישט צי ער וואלט געקענט אויספירן וואס ער האט געטון אן דעם וואס זי זאל אים צושטיין ביי דער זייט. דאס איז חוץ פון דעם וואס דורך איר האב איך מיך באקענט מיט דעם טעם פון היימישע מאכלי שבת אין יענע יארן...

איך קען נישט פארגעסן דעם טאג ווען דער רבי זצ"ל איז אוועק פון דער וועלט, מיר האבן געפילט ווי די וועלט וואלט אונטערגעגאנגען, און אלץ ארום האט מיר אויסגעזען פאר'יתומ'ט און פארלוירן. זוכנדיג א טאטע וואס זאל מיר העלפן דורכקומען דעם צער און פארלוירנקייט, בין איך אויטאמאטיש אנגעקומען צו ר' משה'ן אין שטוב. ס'איז געווען ביי אים א תשעה באב, ער איז געווען אויסער זיך פונעם שווערן קלאפ. איך וויל אבער דערביי ארויסברענגען ווי שטארק איך בין געווען צוגעבונדן צו אים. ער איז געווען מיין ערשטער אדרעס אין א צייט פון נויט, און האט געדינט אלס מיין היים און דאך איבערן קאפ. יענע יארן לאזן זיך נישט פארגעסן, און ווען איך קוק צוריק מיט נאסטאלגיע צו מיינע ערשטע יארן אין סקווירא פיל איך דעם ציפ פון בענקשאפט נאך דעם טייערן אומפארגעסליכן מענטש.

איך וויל אויך באטאָנען אז יעדער איינער אין סקווירא אין יענע טעג האט מיר ארויסגעוויזן אויפמערקזאמקייט און גוטסקייט. יעדער פון די מלחמה איבערלעבער, וואס מיר קענען זיך פארשטעלן אז זיי האבן זיך געהאט זייערע אייגענע שווערע פעקלעך צו שלעפן, האלטנדיג ביים אוועקשטעלן זייערע לעבנס פונדאסניי נאך אזויפיל ביטערע איבערלעבענישן, האבן זיי דאך געטראפן צייט צו רעדן, שמועסן און לערנען מיט מיר. טראכטנדיג וועגן יענער תקופה קען איך נישט פארגעסן מיינע געפילן (אזוי ווי ר' שלמה הילל ע"ה האט געפילט) אז איך האב איינגעטרעטן אין א וועלט פון ענדלאזער שיינקייט.

דערנאך, אין צוגאב צו דעם אלעמען, האב איך געהאט די זכי' צו נהנה זיין פון דעם התקרבות פונעם רבי'ן שליט"א, וואס איז דעמאלטס געווען דער חברותא פון ר' משה אייזנבאך. די שמועסן מיטן רבי'ן שליט"א זענען שטענדיג געווען מיט א ברייטקייט, היקף'דיג, בא'טעמ'ט און פול מיט חיות, געבויט מיט א קלארקייט אין אידישקייט און חסידות אויף א ווארעמען פארנעם. יענע שמועסן האבן מיך געברענגט צו דער איבערצייגונג אז די נייע געזעלשאפט וועלכע איך האב באקענט, איז א סביבה פון מענטשן וואס זענען קלוג, ערליך, און פול מיט שמחת החיים - וויבאלד דער רבי האט אזוי שטארק פארקערפערט אלע דריי.

זייער אפט, ווען איך פלעג באזוכן ביים רבי'ן אדער ביי ר' משה'ן, האבן זיי זיכער געמאכט מיך צו באזארגן מיט א פעקל פון כשר'ע מילכיגע פראדוקטן פאר דער וואך. וויאזוי זיי האבן דאס פארשאפט האב איך קיינמאל נישט געוואוסט, אבער איך האב שטענדיג באקומען גענוג. (ס'דארף אויך געדענקט ווערן ר' דוד געלבמאן ע"ה וואס האט מיר צוגעשטעלט פליישיגע פראדוקטן, און ר' משה יצחק גרינוואלד וועלכער האט מיר געשאנקען אפאר תפילין. ס'זענען געווען נאך פיל אנדערע וואס האבן מיר אסאך געהאלפן אין יענע יארן.)

אמאל איז געווען א פאל, דעמאלט ווען ר' אברהם חיים האט מיך איינגעשריבן צו דעם קעמפ "קול רינה", ווי דערמאנט פריער, און מ'האט מיר מודיע געווען פונעם

קעמפ אז איך דארף מיטברענגען אויפן זומער א גמרא מסכת ברכות און בבא מציעא. איך האב מיך אויסגערעדט צום רבי'ן און צו ר' משה אייזנבאך אז ס'איז מיר שווער צו ליינען די עברי פון דער גמרא אָן נקודות. א וואך דערויף, ווען איך בין געקומען זיי באזוכן אינעם זומער-הויז אין וואלד (דארט וואו דער כולל שטייט היינט צוטאגס, און וואו דער רבי און ר' משה פלעגן בשעתו לערנען יורה דעה חלק א'), איז געלעגן דארט אויפן טיש צוויי גרויסע גמרות פונעם "תלמיד בבלי מנוקד", א מסכת ברכות און מסכת בבא מציעא. ווען איך האב זיי געפרעגט פון וואו און וויאזוי זיי האבן דאס פארשאפט, איז דער ענטפער געווען אז איך זאל מיך נישט זארגן נאר לערנען פלייסיג דורכן זומער.

איך בין מתפלל אז די מצוות און מעשים טובים פון ר' שלמה, ר' אברהם חיים און ר' משה, זאלן זיין א זכות פאר אונז אלע, און דער רבי שליט"א יבלחט"א זאל זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים טובים, צו קענען ווייטער משפיע זיין און ארויסהעלפן אנדערע, פונקט ווי דער רבי זאל זיין געזונט (און זיי) האבן געטון פאר א צוועלף יעריגן יונגל פון פאָמאָנע מיט איבער פופציג יאר צוריק.

**מאיר שיללער**
מאנסי, ניו יארק

## זכרנו ימים מקדם!

**אל כבוד מערכת אורות הנכבדה ובמיוחד לידידינו וידיד כל הרב ר' יואל אשר פישל שליט"א.**

דא אין די שורות פון די אורות איז דאס ארט אויסצודרוקן מיין הכרת הטוב, און איך בין זיכער אז איך בין נישט קיין יחיד וואס גיבט אן אנטווארט אויף אייער הערליכער באשרייבונג, איבער דער היסטאריע פונעם תלמוד תורה.

איך וואלט געקענט צולייגן אסאך צו אייער אינהאלטסרייכער באשרייבונג, אבער איין אינטערעסאנטע זאך וואס איך מוז צולייגן, אז דאס יאר, תשע"ז, האב איך דאס ערשטע מאל געטוישט דעם קאמפיוטער פאר דעם שכר-לימוד אפיס צו ווינדאויס (כ'ווייס נישט אויב די עלטערן האבן דאס באמערקט...). פון שנת תשנ"ג ביז יעצט אויף רעגיסטראציע תשע"ז, האב איך גענוצט דעם פראגראם וואס דו האסט איינגעשטעלט ביי מיר אין אפיס דעמאלטס אין די אנהייב תש"נ יארן מיט דער הילף פון ר' נח טשעריטש פון מאנסי. וואס דעמאלס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס כ'האב בכלל אנגעהויבן נוצן א קאמפיוטער, ביז דאן איז דאך אלעס געגאנגען מיט דער האנט. איך מיין אז ר' יואל הערש שפיטצער איז דאן געווען איינער פון דיינע געהילפן אינעם מוסדות אפיס.

הצלחה רבה אויף ווייטער, און אז איר האט שוין יא די פענע אין דער האנט דאן מעגט איר ארויסגעבן אביסל מער סודות פון חדר...

החותם בברכת כתיבה וחתימה טובה:
**משה בערגער**

## ברם זכור אותו איש לטוב

**לכבוד די חשוב'ע מערכת אורות.**

לייענדיג די ארטיקל פון ר' יואל אשר פישל'ס זכרונות, איז ביי מיר ארויפגעשווימען זכרונות פון יענע יארן, וואס זענען ביי מיר געמישט פון ווייטאגליכע און זיסע צוזאמען. די סיבה דערצו איז, וויבאלד ר' יואל אשר פישל איז נישט נאר געווען א שליח איבערצובויען דעם חדר, נאר ער איז פאר מיר פערזענליך גאר געווען א טערעפיסט אדער סקייעטריסט וואס האט געמאכט א ריכטיגע טויש אין מיין לעבן.

ומעשה שהיה כך היה:

ווי ס'מאכט זיך אמאל צווישן קינדער (כ'האף אז היינט שוין נישט...) ווערט איין קינד אין קלאס פארפיינטעט און מ'מיינט אז 'לא תונו' איז אויף אים נישט געזאגט געווארן. ליידער איז דאס געווען מיין גורל, אז קינדער האבן מיר נישט געדולדעט און זיך געלאזט וואויל-גיין אויף מיין חשבון, און ר' יואל אשר איז געווען דער וואס האט מיר ארויסגעוויזן שעצונג טראץ די אלע זאכן.

א ביישפיל אז ר' יואל אשר פלעגט טיילן פיינע אייסעס יעדע ראש חודש צו באדאנקען די אלע קינדער וואס האבן געהאלפן האלטן ריין דעם בנין. און קינדער פון מיין קלאס זענען געלאפן צו אים שרייען אז איך האב כסדר אראפ געווארפן פאפירן אויף דער פלאר נאכן וואשן די הענט און איך מעג נישט באקומען... ער האט אבער געזאגט אז ער קען עס נישט גלייבן און ער האט מיך יא געגעבן אייסעס גלייך ווי פאר יעדעם. [היינט בין איך זיך מודה אז איך האב עס יא געטון...]

דאס איז דאכט זיך געווען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס איך האב באקומען די זעלבע ווי אלע קינדער! ביז דעמאלס פלעג איך נאר באקומען אדער פעטש, אדער ווען מ'האט געטיילט גוטע זאכן האב איך באקומען די ווייניגסטע. ר' יואל אשר איז געווען דער וואס האט געזאגט פאר מיין מלמד: "אויב איך וועל אים היינט געבן - אפילו דאס מאל קומט עס אים נישט - וועט ער אבער פון היינט און ווייטער אלעמאל אכטונג געבן". און ער האט נאך צוגעלייגט אז ער האט מיר געזען אויפהייבן די פאפירן ווען יעדער איז שוין אראפ צו מנחה.

איך מוז זאגן בשער בת רבים אז דאס איז פאר מיר געווען א שטופ אויפן גאנץ לעבן ביזן היינטיגן טאג ווען איך בין שוין א טאטע פון גרעסערע און קלענערע קינדערלעך בליעה"ר. איך בין אפילו א רוחניות'דיגער איינגעשטעלטער דא אין מוסד! דערפאר זאג איך אז אויסער וואס ער האט איבערגעבויעט די תלמוד תורה האט ער מיט זיין גוט אויג זוכה געווען אויפצובויען נפשות פון קינדער, מיט זכותים וואס באגלייטן אים עד היום.

ביז פאריאר, ווען מ'איז אריבער צום נייעם "האלפרין" בנין, האב איך נאך כסדר געקוואלן פון דעם שיינעם בנין, און אויך געזאגט כסדר פאר די תלמידים, אז ס'איז נישט שיין צוווארפן אויף דער ערד קיין מיסט.

ר' יואל אשר האט געראטעוועט מיין לעבן מיט א מיליאן דאלערדיגע רענאוואציע, אדער מיט איין גוטווארט און געשמאקע אייסעס. וממנו ילמדו וכן יעשו.

הכותב וחותם מתוך (צער) שמחה
**י. ב.**

פולע נאמען געהיט אין דער רעדאקציע

## וואס איז דער ריכטיגער וועג ארויסצושרייבן דאס ווארט "סקווירא"?

**אמע"כ גליון המשובח בפי כל אורות**

ייש"כ פאר אייערע הערליכע ארבעט צוזשטעלן פארן עולם אזעלכע רייכע געשמאקע חומר פון וואס איך טו אזוי שטארק קוועלן מדי חודש בחודשו, ובמיוחד די ארטיקלען וואס ווערן מייסטערהאפטיג אהער געשטעלט דורכן מכון משכנות יעקב, פון וואס איך האב ספעציעל הנאה זייענדיג פון נאטור אויס זייער אינטערעסירט אין די יחוס ענינים וכדו'

לייענדיג זייערע ארטיקלען במשך די פארלאפענע פאר חדשים, האב איך זיי געוואלט אנפרעגן אן אינטערסאטע שאלה אפשר אביסל מאדנע אבער עס וועט מיר זיין אינטערעסאנט צו וויסן ווי אזוי איז געווען דער ריכטיגער וועג ווי אזוי מען פלעגט אמאל שרייבן דאס ווארט "סקווירא". דורך אויס זייערע ארטיקלען האבן זיין געברענגט דאקומענטן ווי איך האב זיך באגעגענט מיט די פאלגנדע:

**סקווירא, סקוירא, סקווירע, סקווערע, סקווערא, סקווועריע, סקווועריא.** און נאך ענליכע צו דעם.

וויל איך וויסן צו עס איז געווען א ריכטיגער אופן וויאזוי מען פלעגט צו שרייבן, אדער יעדער האט געשריבן ווי אזוי ער האט געווילט.

אברך המוקיר פעולתכם ופעולת מכון משכנות יעקב
נאכצוגיין די הייליגע יחוס פון רבותינו הקדושים..
(-)
פעיה"ק שיכון סקווירא יע"א

**ענטפער פון מכון משכנות יעקב:**

דאס איז ריכטיג אז נישט אלעמאל האט מען מדקדק געווען וויאזוי צו שרייבן דעם נאמען פון דעם שטאט, און מ'טרעפט טאקע ווי ס'איז געשריבן אויף כל מיני אופנים, ווען ס'איז נישט נוגע להלכה. מ'זעט דאס זעלבע אויך ביי אלע אנדערע שטעט, און אויך ביי לעצטע נעמען, און צומאל אפילו ביי ערשטע נעמען. אבער בדרך כלל זעט מען אז רובא דרובא האבן יא געשריבן אויף איין סארט וועג "סקווירא", וואס פון דעם ווייזט זיך ארויס אז דאס איז די ריכטיגע אויסלייג דערפון.